# אלע ווערק

פון

# שלום עליכם

•

## באנד V

מעשיות פאר ידישע קינדער

ערשט בוך

מעשיות פאר ידישע קינדער

צווייט בוך

## ל״ג־בעומר

### א.

— אנו, קומט נאר א הער, קינדער, איך באדארף אייך עפעס זאגן א נייס! — אזוי רופט זיך אן צו אונדז א טאג פאר ל״ג־בעומר דער רבי רב יודל מלאך־המות, און מיר שטעלן אויף מויל און אויערן, וואס וועט אונדז עפעס דער רבי זאגן פאר א „נייס״?

איך זע, ווייסע הברהניקעס, אז איר ווילט, איך זאל אייך דא אפמאלן מיין רבין, וואס פאר א פנים ער האט — טו איך אייך צוליב; נאר בתנאי, איר זאלט מיך ניט קוועטשן, פארוואס מען האט אים גערופן מיטן נאמען „מלאך־המות״. א קלוג יינגעלע וועט זיך אליין שטויסן פאר וואס: מחמת מיר האבן פאר אים מורא געהאט, ווי פאר א מלאך־המות. וועט איר דאך פרעגן: פ א ר ו א ס האבן מיר פאר אים מורא געהאט, ווי פאר א מלאך־המות? מחמת ער פלעגט אונדז שמייסן מיט איינזערנע ריטער ביז בלוט זאל גיין. אי, פארוואס האט ער אונדז געשמיסן מיט איינזערנע ריטער ביז בלוט זאל גיין, — מסתמא האבן מיר פארדינט; מיר האבן ניט געוואלט לערנען... למאי האבן מיר ניט געוואלט לערנען, מסתמא זיינען מיר געווען גרויסע שקצים... הקיצור, ס'איז דאך א מעשה אן א סוף — מע האט אים גערופן „רב יודל מלאך־המות״, און זייט זיכער, אז ער האט דעם נאמען פארדינט כשר, כאטש אויסזען האט ער אויסגעזען דווקא ניט ווי א מלאך־המות: א קליינס, א נידעריקס, א טרוקנס, ווי א גרוגרת דרבי צדוק, ווי א פייג הייסט דאס; דאס פנים טונקל־גרין־געלבלעך, ווי א פאראיאריקער לולב, און געקניימשט, ווי א מצה שמורה; די באקן איינגעפאלן; א בערדל קויםקוים וואס סע שפראצט, אי דאס — נאר ערטערווייז; א נאז, זעט איר,

גראָד אַ היפּשע; הייבט זיך אָן דין און לאָזט זיך אויס גראָב, און אויס־געבויגן, ווי אַ שופר; און אין גאָרגל אַ קנאָפּ, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ און אַרויף, גלײַך ווי עס וואָלט אַרומגעלאָפֿן דאָרטן אינעווייניק אַ מײַזל...

— וואָס פֿאַר אַ טאָג האָבן מיר מאָרגן, — פֿרעגט אונדז דער רבי מיט אַ ניגון, בייגט אײַן דעם קאָפּ און מאַכט צו איין אויגל.

— ל״ג־בעומ־־ר! — שרײַען מיר אויס אַלע אין איין קול, ווי די ציגעלעך, אַז זיי שרײַען: „מעעע!“...

— וואָס איז ל״ג־בעומר? — פֿרעגט ער אונדז ווײַטער מיטן איי־גענעם נוסח.

— דרײַ און דרײַסיק טאָג אין דער ספֿירה! — ענטפֿערן מיר אים.

— וואָס טוען חדר־יינגלעך ל״ג־בעומר?

— חדר־יינגלעך ל״ג־בעומר לייגן זיך צונויף אַלע אינײנעם און מאַכן אַ סעודה.

— וואָס נאָך טוט מען ל״ג־בעומר?

— מע נעמט די „פֿײַלנבויגנס“ מיט די „ראָדביקסלעך“ און מע גייט געוואָפֿנט מיט כלי־זין און מיט געזאַנג ווײַט־ווײַט הינטערן שטאָט אַרויס.

— אָט אַזוי — רופֿט זיך אָן דער רבי און עפֿנט אויף דאָס אויגל — אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב! אָט אַזוי זײַט איר וווילע יינגלעך! און דערפֿאַר לאָז איך אײַך אָפּ פֿרײַ במעט אַף אַנדערטהאַלבן מעת־לעת.

דערהערט דאָס וואָרט „פֿרײַ“ און נאָך „אַף אַנדערטהאַלבן מעת־לעת“, טוען מיר אַ שטיי אויף אַלע פֿון די ערטער און ווילן זיך לאָזן לויפֿן אהיים; נאָר איין קוק פֿונעם רבינס קליינע אייגעלעך איז גענוג, אַז מיר זאָלן בלײַבן צוגעקאָוועט צו אונדזערע ערטער.

— אַהאַ. — רופֿט זיך אָן דער רבי שוין גאָר מיט אַן אַנדער נוסח.

— זע נאָר, זע. שוין פֿאַרטיק אָפּן פּידפּאַליק?! איר האָט נאָר דער־הערט דאָס וואָרט „פֿרײַ“, האָט איר שוין פֿאַרגעסן דעם עול פֿונעם חדר און זײַט שוין גרייט צו שפּרינגען, ווי די ווילדע צאַפּקעלעך — האָץ־האָץ! זאָג איך אײַך אָן, טאָמער חלילה... איר ווייסט דאָך שוין וואָס איך מיין? לאָם איך זען אַף עמעצן פֿון אײַך אַ ריס אַף דער קאָ־פּאָטע, אָדער אַ דראַפּ אַפֿן פּנים, אָדער אַזוי עפּעס אַ סימן פֿון שקאָצערײַ,
— מאַך איך פֿון אײַך...



דער רבי רב יורל נעמט אַרויס דעם קאַנטשיק פֿון דער גמרא „מסכת מכות“ און מאַכט צו אונדז אַזוי:

— ווייסט איר וואָס, קינדער? וואָס טויג אונדז ווערטער? מוסר? שטראָפֿפּערײַ? — נאַרישקייטן! איר ווערט דאָך מיך ג ע ו ו י ס ניט פֿאָלגן, וועל איך דאָך אײַך נאָכדעם ג ע ו ו י ס דאַרפֿן שמײַסן; אָמער, לייגט זיך שוין איינציקווײַז אַנידער, לאָם איך אײַך געבן לעת־עתה צו עטלעכע שמיצלעך, אַן אַדערוויף הייסט דאָס... אי וואָס? טאָמער וועט דאָס זײַן קאַרגלעך? האָט קיין יסורים ניט: אם ירצה השם, נאָך ל״ג־בעומר וועל איך אײַך, נישקשה, פֿאַרבעסערן... נו, חברה, מאַכט זשע ניט. איך בעט אײַך, קיין לאַנגע שהיות, הייבט אָן שפּיליען די הייזלעך, אָן עבֿירה די צײַט, דער טאָג שטייט ניט!...

און דער רבי באַטראַכט די ריטלעך פֿונעם קאַנטשיק גאַנץ רויק, ווי מע באַטראַכט, אַ שטייגער, ערב שבת די פֿאָדעם פֿון די ציצית אינעם טלית־קטן; ער גלעט זיי אויס, פּרוווט זיך פּרוּער מיט זיי אַביסל אַף דער לופֿט; נאָכדעם שטייט ער אויף, גייט צו צו דער לאַנגער באַנק, נעמט אַ גוטן שמעק טאַבעקע און איז אָנגעברייט צו דער אַרבעט... מיר לאָזן זיך לאַנג ניט בעטן, ווי יצחק בשעת אבֿרהם אָבֿינו האָט אים געפֿירט צו דער עקדה. מיר שטייען אויף איינציקווײַז און גייען צו צו דער באַנק, ציִען אַראָפּ די הייזלעך און לייגן זיך אַנידער שטיל, אָן ווער־טער, דאָס העמדעלע אַרויף, מיטן פּנים אַראָפּ, ווי איינער רעדט: „נאַט אײַך, רבי לעבן, דאָס וואָס איר האָט געוואָלט“...

— אָט אַזוי, יאָסעלע, האָב איך דיך ליב! — מאַכט צו מיר דער רבי און שענקט מיר עטלעכע גרינגע שמיצלעך דערפֿאַר, וואָס איך האָב מיך געלייגט דער ערשטער. — אָט אַזוי, קעצעלע: איינס... צוויי... דרײַ... פֿיר... פֿינף... זעקס? איאַ, אַז דער רבי שמײַסט אָפּ, ווערט מען גאָר אַן אַנדער מענטש?... אַצינד, מאָטעלע, — מאַכט ער צו מײַן ברודער מאָטל — קום נאָר דו הער!... די „יאָסעלעך“ מיט די „מאָ־טעלעך“ האָב איך ליב דערפֿאַר, וואָס זיי לאָזן זיך ניט לאַנג בעטן. זיי, אַז מע זאָגט „לייג זיך“, לייגן זיי זיך... שמואליקל, נשמה מײַנע, ליג, ליג, נאַרעלע, עס וועט לאַנג ניט געדויערן, ניט מער זאָל דער יידישער גלות געדויערן!... און דו, לייבעניו, וואָס געדויערט בײַ דיר אַזוי לאַנג דאָס צעשפּיליען זיך? מאַך עס בקיצור!... אַבֿרהמעלע, מײַן טײַערס, דיר בין איך שולדיק אַ חובֿ נאָך פֿון נעכטן. עס וועט שוין זײַן בײַ אונדז

אינאיינעם איין רעכענונג... שימעלע! וואָס מאַכט עפּעס די ציג, וואָס דו ביסט געפֿאָרן אַף איר רײַטנדיק? דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן?... הערשל דער קליינער! זאָג הערשל דעם גרויסן, ער זאָל זיך מטריח זײַן פֿאַרקאַטשען דאָס העמדל; נישקשה, דאָ זײַנען גאָלע מאַנצבילן... קום נאָר אַהער, טאָפּעלע טוטאַריטו! האָב קיין פּאַראיבל ניט, וואָס איך בין דיך מכבד מיט „אחרון"; דער טאַטע דײַנער דער שמש איז ניט געוווינט געוואָרן צו גרעסערע כיבודים...

אָפּגעשמיסן קאַפּלען אויך, גלײַכט זיך דער רבי אויס די ביינער, נעמט זיך מיטן גראָבן פֿינגער באַם גאָרגל, אָפּן חזנישן שטייגער, און זינגט אויס מיטן ניגון, וואָס מע רופֿט אויף אַ חתן, און ציקלט זיך בשעת מעשה, פּונקט ווי רב הערש־בער דער חזן:

— יעַ־מוד הה־תן יום־טוב ליפּמאַן ברב שלום־אַניזיק מפּ־טיר!... נישקשה, שעם זיך ניט, רב ליפּע, דו ביסט טאַקע אַ בר־מצווה־יִנגל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּערטע, נאָר פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן — לכבוד ל"ג־בעומר מעגסטו זיך מטריח זײַן אַנידערלייגן אָט דאָ אָפּן בענקל. איך וועל דיר חלילה קיין שלעכטס ניט טאָן, איך וועל דיר נאָר אָפּשמײַסן, מער גאָרניט!... איך בין דיר ערב, אַז ביז דער התונה וועט זיך פֿאַרהיילן... ליפּע, ליג גלײַך, ליפּע, מאַך ניט קיין אָנשטעלן, איך האָב קיין כוח ניט צו באָרען זיך מיט אַזאַ בחורעץ, ווי דו! אָט אַזוי, לאָז אײַך ווויל באַקומען!... אַצינד פֿאַרשפּיליעט זיך גאַנץ פֿײַן, קינדערלעך, וואַשט די הענט און דאַוונט אײַך אָפּ מנחה און — מאַרש אַהיים. נאָר שטיל, פֿײַן, שיין, אַזוי ווי איך האָב ליב... און, אם ירצה השם, איבערמאָרגן גאַנץ פֿרי זאָלט איר מיר זײַן אָט דאָ אַלע אָפּן אָרט, נאָר ווי עס געהער צו זײַן, פֿײַנטשיק! איר האָרכט, וואָס מע רעדט צו אײַך? לאָם איך זען אַף עמעצן אַ שפּרינקעלע! אַ האָר!... אַ גוטע נאַכט, גייט געזונט. און האָט אײַך אַ פֿריילעכן יום־טוב!

## ב.

אַף מאָרגן האָט גאָט אַרויסגעצויגן די זון פֿון איר פֿוטער־פֿאַס און האָט אונדז געשענקט אַ שיינעם, אַ ליכטיקן, אַ פֿריילעכן זומער־טאָג, איינעם פֿון יענע שיינע ליכטיקע זומער־טעג, וואָס אַפֿילו אין דעם פֿינצטערן ווינטן כתרילעווקע, וואָס ליגט באַם טײַך „שטונקעלאַ", איז די לופֿט שמעקנדיק, פֿריש, מחיה־נפשות. דער הימל איז לויטער בלוי. די פֿייגעלעך זינגען. עס גלוסט זיך אין דרויסן אַרויס, אַף דער לופֿט. עס ציט אַהין, ווײַט־ווײַט פֿון דער בלאָטיקער שטאָט אַרויס, דאָרט, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע, און די ביימער זײַנען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך, דאָרט, ווו גאָטס פֿייגעלעך טאַנצן און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען... אין יענעם פֿרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, איך און מײַן ברודער מאָטל, אויפֿשטיין וואָס פֿרײַער, אָפּדאַוונען וואָס גיכער, נעמען דעם אָנבײַסן מיט זיך — און מאַרש צו ליפּע שלום־אַניזיקס! וואָס עפּעס צו ליפּע שלום־אַניזיקס? ווײַל, ערשטנס, איז ליפּע שלום־אַניזיקס דער עלטסטער פֿון די תלמידים, אַ בר־מצווה־יִנגל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּערטע; און, צווייטנס, איז דאָרט פֿאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פֿלעגן מיר פֿאַרברענגען דעם אַנדערן האַלבן טאָג פֿרײַטיק, שפּרינגען אַף איין פֿוס, שפּילן אין „קוצי־באָבע", אין „עקאָך און מקח", אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז", אָדער אין „באַהעלטערלעך", אָדער אין „טרעפֿעלנישן"...

אַז מיר זײַנען געקומען, איך און מײַן ברודער מאָטל, צו ליפּע שלום־אַניזיקס, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפֿן די גאַנצע חברה (אָרום און אָרום זײַנען מיר געווען פֿיר און פֿערציק פֿאַרשוין, תלמידים פֿון צוויי חדרים: פֿון „רב יודל מלאך־המוות" און פֿון „רב אפרים תלין").

— אָט זײַנען שוין די „יאָסעלעך" און די „מאָטעלעך" אויך דאָ! ווײַזט, וואָס האָט איר געבראַכט? — רופֿט זיך אָן ליפּע שלום־אַניזיקס. און ער הייבט אָן צונויפֿנעמען די מתנות, וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופֿן אַף אַ קול איטלעכן צום גראָם:

— מענדל, מע מעג עסן פֿון דײַן פֿענדל! אַנו, ווײַז וואָס האָסטו דאָרטן? צוויי אייער־בייגל, אַ שטיק לעקעך, איין איי מיט זעקס גראָשן.

— איציק־שפּיציק, נאָדל־טעשל! גיי אין קלייט, כאַפּ אַ פֿלעשל! עפּעס זע איך בײַ דיר, קיין עין־הרע ניט, אַ גאַנצן אוצר: צוויי קיכלעך, דרײַ אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטלעכע צוקער־לעקעכלעך מיט מאַנדלבייגעלעך, און האָזענע ניסלעך עפּעס גאָר אַ גוזמא — אַהאַ! און נאָך צען גראָשן דערצו! מאַלאָדיעץ!...

— יענקעלע־בענקעלע־פּלעשעלע — בול־בול־בול! באַווײַז זיך אַרויס מיט דײַן גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פֿערטל עוף, אַ גלעזל געגדזן־

שמאַלץ — וואָס איז דאָס? אַ פּלעשל מעד? הערסטו, ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מזיק, כ׳לעבן!...

— שמהלע־שטויסעלע, קלאַפּ אין שול! אַלטע ווײַבער שלאָפֿן! קום נאָר אַהער, האָסט געבראַכט בראָנפֿן? — האָב איך דיך ליב, וואָרעם ווו האָט איר געזען אַ „סעודה” אָן בראָנפֿן?...

— אָבי — פּאָטער, קלמן — טאָטער, טאָטער — קלמן, שניאור — זלמן, זלמן — שניאור, שלאָף אין שלייער! באַוויַזן, באַוויַזן, שעם זיך ניט! אַ האַלב איי סך־הכּל?... אַ שטיקל ברויט מיט האָניק?... אויך אַ מטבע! גיב אַהער, נישקשה, עס מאַכט ניט אויס! דערויף איז דאָס ל״ג־בעומר, אַ שותּפותדיקע סעודה!...

— טאָפּעלע טוטאַריטו! וויַז וואָס האָלטסטו דאָרטן? אַ טאָפּיטע מיט אַ שטיטל בולטע מיט אַ טעפּל טנאָבל? וואָס האָט דיר די מאַמע אַזוי ווינציט דערעבן?... — ליפּע שלום־אַיַזיקס מאַכט אים נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף”, און חברה קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— יואליק־בייליק האָט דעם גרעסטן חלק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נגידס אַ יינגל, בײַ דיר קער אַוודאי זײַן אַ גאַנצער אוצר פֿון ביצים און פֿון שמאַלץ, פֿון ווײַן און פֿון בראָנפֿן און פֿון כּל־טוב! איאָ, איך האָב געטראָפֿן? צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אָהאָ! אַ צענדליק אייער, און טיי און צוקער. היינט ניסלעך, מיט באָקסערן, מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און פּאָמעראַנצן, און אַ לימאָנע אויך — ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! קום אַהער, לאָם איך דיר כאָטש זאָגן אַ דאַנק!

יואליק דעם נגידס גייט צו, די הענט אין די קעשענעס, מיט גרויס גדלות, און ליפּע שלום־אַיַזיקס דערלאַנגט אים אַ שנעל אין נעזל אַרײַן, צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער.

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע אָט אָ דאָ, צווישן די קלעצער, — זאָגט ליפּע שלום־אַיַזיקס, — לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו דער סעודה. בראָקט און עסט און „לאָז אײַך ווויל באַקומען”, ווי דער רבי זאָגט, אַז ער שמײַסט אונדז אָפּ... ווער האָט אַ גלעזל? גיב אַהער, לאָמיר טרינקען לחיים! לחיים, מלך! אַז מע טרינקט, איז מען פֿריילעך! לחיים, נוח! פֿון פּלעשל ציט מען כּוח! קום אַהער, ניסל, נעם בראָנפֿן אַביסל! לחיים, שעפּסל! מאַך אַ שנעפּסל! לחיים, אַברהם־משה!



דו האָסט דאָך ליב אַ כּוסה אַ גרויסע! לחיים, טאָפּעלע! דאָט זאָל רעבן דעזונט מיט דליט מיט אַלדאָס דוטס! טרינט אויס דאָס דאַנצע דלעזל, אַניט דים איך דיר אַרײַן אין דאָרדל מיט דוואַלד, וועסטו ערדער מאַכן!...

אַלע לאַכן, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— קינדער! זאָגט, וווהין גייען מיר הײַנטיקס יאָר? — טוט אַ פֿרעג ליפּע שלום־אַיַזיקס נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפּילדער. איטלעכער זאָגט זײַן מיינונג, וווהין מע זאָל גיין.

— אויף יענער זײַט בית־עולם! — זאָגט מלך דער אַלמנהס.

— אויף דער ליוואַדע! — מאַכט נוח דעם שוחטס.

— צו דער ציגעלניע! — שרײַט אויס אַברהם־משה דעם ווײַנערס אויף אַ הילכיק קול.

— צו דער ציגעלניע! צו דער ציגעלניע! — העלפֿן אים אונטער עטלעכע קולות מיטאַמאָל.

— דאָרט איז פֿאַראַן הינט, איר האָט שוין פֿאַרגעסן? — רופֿט זיך אָן ניסל, אַ יינגל אַ בלייכס מיט אַן איבערגעשראָקענעם קוק.

— ווער האָרכט זיי? ווער האָט מורא פֿאַר הינט? — זאָגט יואליק דעם נגידס מיט שטאַרקייט.

— דו אַליין האָסט מורא פֿאַר אַ הונט אימת־מוות! — האַקט אים איבער דוודל־צעהאַקטע־ליפּ.

— ניט פֿאַר אַ הונט, אַפֿילו פֿאַר אַ קאַץ!... — כאַפּט אונטער שעפּסל, אַ יינגל מיט אַן אָפּגעבריטער באַק, און צווישן חברה ווערט אַ געלעכטער.

יואליק דעם נגידס ווערט אָנגעצונדן, למאַי מע לאַכט פֿון אים. גייט ער צו צו שעפּסלען מיט דער אָפּגעבריטער באַק און טראָגט אים אונטער אַ פֿײַג גלײַך אונטער דער נאָז; כאַפּט ער אַ זעץ פֿון דוודל־צעהאַקטע־ליפּ אין זײַט אַרײַן; ענטפֿערט ער צוריק; הייבט ער אָן כאַפּן פֿעטש פֿון אַלע זײַטן... אין אַן אַנדער צײַט וואָלט זיך קיינער ניט אײַנגעשטעלט אַרויסטרעטן פֿראַנק און פֿרײַ קעגן אַ נגידס אַ יינגל, נאָר ל״ג־בעומר מאַכט ניט אויס, ל״ג־בעומר איז מען פֿרײַ...

— שאַט! — רופֿט זיך אָן ליפּע שלום־אַיַזיקס. — גענוג אײַך קריגן זיך! ווייסט איר וווהין מיר זאָלן גיין הײַנטיקן ל״ג־בעומר?

— וווהין? וווהין?

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע!

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע! קיין גאַלאַגאַנאָווקע! — שרייַען אַלע אין איין קול, און אפילו קוקאַריקו העלפט קווימשען אױף זייַן דין קולכל: „דאַלאַדראַנאָווטע! דאַלאַדראַנאָווטע!"...

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען קיין גאַלאַגאַנאָווקע.

**ג.**

גאַלאַגאַנאָווקע איז אַ דערפל, ניט ווייַט פון כתרילעווקע. אַז איר פאָרט צו אונדז קיין כתרילעווקע, מוזט איר פריִער דורכפאָרן דאָס דאָזיקע דערפל; אַז איר פאָרט דורך דאָס דאָזיקע דערפל, מוזט איר באַגעגענען אַ גאַנצע טיטשקע מיט קליינע שקאָצימלעך מיט גרויסע היטלען, וואָס לויפן אייַך נאָך נאָכן וואָגן, וואַרפן שטיינדלעך, רייצן אָן די הינט, מאַכן משוגענע העוויות און זינגען בשעת מעשה עפּעס אַ פּאַסקודנע לידל:

**זשיד, זשיד, פּאַרכאַוויק!**
**זאַהוביוו טשערעוויק!**
**אַ יאַ שאָוו,**
**טאַי נאַשאָוו,**
**טאַי פּידניאָוו,**
**טאַי פּישאָוו...!** *

און כאָטש די דאָזיקע ווערטער האָבן ניט קיין טעם און קיין ריח, פונדעסטוועגן פאַרדריסט דאָס אייַך גאַנץ גוט; און ניט אַזוי די ווערטער, ווי דאָס געלעכטערל זייערס; און ניט אַזוי דאָס געלעכטערל, ווי די שטיינדלעך, וואָס זיי וואַרפן; און ניט אַזוי די שטיינדלעך, ווי די הינט, וואָס זיי רייצן אָן אױף אייַך...

— וואָס וועלן מיר אָבער טאָן, — פרעגט איינער פון אונדז — טאָמער חלילה פאַלן אָן אױף אונדז די שקאָצימלעך?

— וואָס האָרכן מיר שקאָצימלעך, — זאָגט ליפּע שלום־אייַזיקס — אַז מיר זייַנען, קיין עין־הרע, פיר־און־פערציק פּאַרשוין, אָנגעוואָפנט

* יִיד, יִיד, פאַרד, האָסט פאַרלאָרן אַ שוך! בין איך געגאַנגען, און האָב אים געפונען, און האָב אים אויפגעהויבן, און בין מיר אַוועקגעגאַנגען.



מיט כלי־זיין, מיט „פּעלן־בויגנס", מיט „ראָדביקסלעך" און גלאַט מיט שטעקלעך? אדרבה, לאָז זיי זיך פּרוּוון אָנפאַלן אױף אונדז!

— מיר וועלן זיי באַווייַזן וועד מיר זייַנען! — זאָגט יואָליק דעם נגידס, וואָס האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מע האָט אים נאָרוואָס אויסגעלאַכט און „אָנגעבוכעט".

— מיר וועלן זייַן די „בני־ישראל", און זיי וועלן זייַן די „פּלשתים"!

— פאַלט מייַן ברודער מאָטל אױף אַ המצאה, און דאָס געפעלט אַלעמען.

— איר זאָלט מיך וועלן פאָלגן, — לייגט פאָר חיים, אַ גמרא־יינגל פון רב אפרים תלינס חדר — וואָלטן מיר זיך באַדאַרפט איינטיילן אין צוויי מחנות: איין מחנה וועט הייסן „י ה ו ד ה" און די אַנדערע — „א פ ר י ם". לאָז ליפּע שלום־אייַזיקס זייַן דער פירער פון דער „מחנה יהודה", דאָס הייסט, פון „יודל מלאך־המוותעס" חדר, און מענדל לאָשעק וועט זייַן דער פירער פון דער „מחנה אפרים", דאָס הייסט, פון „אפרים תלינס" חדר.

— געדעכט, ווי איך בין אַ ייִד! — העלפן אים אונטער עטלעכע מיטאַמאָל. — יעקב אבינו, בשעת ער איז געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט עשוון, האָט אויך אַזוי געטאָן; ער האָט זיך געטראַכט: טאָמער פאַלט אָן דער שונא און צעשלאָגט איין מחנה, וועט די אַנדערע מחנה מאַכן אַ פּליטה...

— קיינער, קיינער וועט ניט מאַכן קיין פּליטה! — זאָגט ליפּע שלום־אייַזיקס. — מיר וועלן שלאָגן די „פּלשתים" עד חרמה — מאַכן פון זיי אַ תל! קינדער, נעמט די כלי־זיין און קומט אױף די פּלשתים!

— לאָמיר זינגען עפּעס אַ לידל, קינדער!

— אַ לידל! אַ לידל!

— וואָסער אַ לידל זאָלן מיר זינגען?

**ראַז, דוואַ, דרי, טשעטירע! פּאַידעם, פּאַידעם נאַ קוואַטירע!**
**אַכטער, באַכטער, קאַלישקאַ! וואַסיעם דענגי ראַבאַשקאַ!**

— פע, פע! אַ ייִדיש ליד! אַ ייִדיש!...

און נוח דעם שוחטס ציט אויס מיט אַ ניגון אױף זייַן שיין קולכל:

**אָמר ד' ליעקב —**
**סקאַזאַל פּאַן־באָג דאַ יעקב:**
**אַל תירא, עבדי יעקב —**
**ניע פּוגאַיסיאַ, באַרין יעקב!**

און מיר אַלע כאַפּן אונטער פרייליך אַף רוסיש:

**ניעט, ניעט, ניטשאַווֹאָ,**
**ניע באָימסיאַ ניקאַווֹאָ,**
**טאַלקאַ באַגאַ אַדנאַווֹאָ!...**

ד.

— ווּ נעמט מען איצטער עטלעכע פּלשתים? — רופט זיך אָן יואליק דעם נגידס און ציט־אָן דעם פּיילנבויגן.

— איך וואָלט זיך אָן זיי נוקם געווען! — מאַכט יאַנקל און שטעלט אָן דאָס ראָדביקסל.

— געמאַכט פון זיי אַ תּל! — רופט זיך אָן חיים און צעלאָזט זיך מיט אַ שטעקל.

— צעריסן אַף צווייטען! — זאָגט אַברהם־משה און באַווייזט מיט די הענט, ווי אַזוי ער וואָלט צעריסן אַ פּלשתּי אַף צוויען.

— שאַט, קינדער! — רופט זיך אָן איינער. — אָן פאַרט אונדז אַקעגן אַ „פּלשתּי" מיט אַ פּאָר אָקסן!

דאָס איז זיך געפאָרן פון דאָרף אין שטאָט אַריין אַ גוי מיט אַ גרויס שמויסן היטל, זיך געזעסן גאַנץ רויק אין וואָגן, געפּיפּקעט אַ ליולקע, געדרייט מיט דער בייטש און אונטערגעטריבן די אָקסן: „היי, היי, סאָב סאָלאָווי!"

— קינדער! ציט אָן די פּיילנבויגנס! — קאָמאַנדעוועט ליפּע שלום־אייזיקס צו דער „מחנה יהודה".

— קינדער! צילט אייך מיט די ראָדביקסלעך גלייך אָפּן „פּלשתּי"!
— קאָמאַנדעוועט מענדל־לאַשעק צו דער „מחנה אפרים".

מיר צויען אָן אונדזערע פּיילנבויגנס און צילן זיך מיט די ראָדביקסלעך, און נח דעם שוחטס ציט־אויס מיט אַ ניגון:

בחר ר' ביעקב —
אזבראל פאַן־באַג ביעקב;
אל תירא, עבדי יעקב —
ניע פוגאַסיאַ, באַרין יעקב -



און מיר כאַפּן אונטער אַף רוסיש:

ניעט, ניעט, ניטשאַווֹאָ,
ניע באָימסאַ ניקאַווֹאָ,
טאַלקאַ באַגאַ אַדנאַווֹאָ!...

דער „פּלשתּי" האָט זיך, אַפּנים, שטאַרק איבערגעשראָקן פאַר אונדזערע „צוויי מחנות". ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך איבערגעצלמט דריי מאָל, אויסגעשפּיגן און האָט זיך אָנגערופן צו אונדז מיט אַ גראָב קול:

— ווי טשאָהאָ, זשידעניאַטאַ, נעכריסטי פּראָקליאַטעיע? * — און האָט אונדז געמאַכט אַ רעכטן „מי־שברך" און האָט געוואָלט אַראָפּ פונעם וואָגן מיט דער בייטש און זיך שטעלן מיט אונדז מילחמה האַלטן.

— ווייסט איר וואָס, לאָמיר דעם דאָזיקן פּלשתּי לאָזן צורו! — זאָגט יואליק דעם נגידס. — וואָס האָט ער אונדז געטאָן? מיר גייען דאָך מילחמה האַלטן מיט די קליינע „פּלשתּימלעך"...

— גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד, גערעכט! — שרייען מיר אויס אַלע מיט אַ שמחה, און גורטן אָן אונדזערע לענדן, און לאָזן זיך לויפן, ווי די גבורים, אַלע מיט דעם אייגענעם ניגון:

גאל ד' את יעקב —
ספּאַסאַל פאַן־באַג את יעקב;
אל תירא, עבדי יעקב —
ניע פוגאַסיאַ, באַרין יעקב!...

און מיר אַלע כאַפּן אונטער אַף רוסיש:

ניעט, ניעט, ניטשאַווֹאָ,
ניע באָימסאַ ניקאַווֹאָ,
טאַלקאַ באַגאַ אַדנאַווֹאָ!...

— אַצינד, קינדער, לאָמיר זיך צוזעצן אַביסעלע אָפּרוען! — קאָמאַנדעוועט אונדזערע ביידע קאָמאַנדירן, ליפּע שלום־אייזיקס און מענדל־לאַשעק, און מיר פאַרקאַטשען די קאַפּאָטקעלעך און זעצן זיך אויס **אַלע** אין פעלד, אָפּן גרינעם גראָז, און צוען זיך אויס אַף דער ערד, און קוקן

*) וואָס טוט איר דאָ ייִדעלעך, נישט קיין געטויפטע, פאַרשאָלטענע?

ארויף, אין ריינעם בלויען הימל אריין, ווו עס שווימען שטיקלעך וואָלקנס, ווײַסע ווי זילבער און דינע ווי רויך, ווו אַ לאַנגע שורה פֿייגעלעך שוועבן שטילערהייט, טוקן זיך אין טיפֿן הימל און ווערן פֿאַרשוווּנדן.

— ווו זײַנען, אַ שטייגער, אַהינגעקומען די פֿייגעלעך? — טוט אַ פֿרעג איין יינגל באָס אַנדערן און קוקט אין הימל אַרײַן.

— זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּן שפּיץ באַרג פֿון די בערג „אררט“, — ענטפֿערט אים דאָס אַנדערע יינגל, גלײַך ווי ער וואָלט דאָס געוווּסט פֿאַר געווים.

— וואָס עפּעס אררט? — טוט אים יענער אַ פֿרעג נײַגעריק.

— ווײַל אררט איז דער העכסטער פֿון אַלע בערג! — ענטפֿערט אים יענער, ווי אַ מענטש, וואָס ווייס אַלצדינג אױף דער וועלט.

איך ליג און הער זיך צו צו די דאָזיקע רייד פֿון די צוויי יינגלעך, און איך פֿאַרשטיי נישט, ווי קומט אַהער אררט? אררט איז דאָך אין ארץ־ישראל, און מיר זײַנען אין חוץ־לארץ! נאָר באַלד צוריק פֿאַרענטפֿער איך מיר אַליין די קשיא מיט אַ נײַער קשיא: למאי די פּלשתים? די פּלשתים זײַנען דאָך אויך דאָרטן, פֿונדעסטוועגן גייען מיר דאָך אױף די פּלשתים!...

יענע צוויי באַריידעוודיקע חברה־לײַט הערן נישט אויף צו ריידן צווישן זיך. איינער פֿרעגט, דער אַנדערער ענטפֿערט.

— וואָס וועט זײַן נאָכדעם, אַשטייגער, אַז מיר וועלן, אם ירצה השם, אײַננעמען די פּלשתים?

— וואָס האָסטו געוואָלט, זאָל זײַן?

— איך מיין, וואָס וועלן מיר טאָן מיט זייער לאַנד?

— וואָס האָסטו געוואָלט, זאָלן מיר טאָן?

— איך מיין, צי מיר זאָלן דאָס לאַנד „פּאַרוויסטן“, די שטעט „פֿאַרברענען“ און זייערע ווײַבער מיט זייערע קליינע קינדער „שלאָגן צום שאַרפֿן שווערד“?

— למאי זאָלן מיר ברענען שטעט? און וואָס האָסטו צו די קליינע קינדער נעבעך?

— ס'טײַטש, סע שטייט דאָך אָבער אַזוי געשריבן אין פּסוק!

— אַ משל! יענץ איז געווען אַמאָל, און דאָס איז הײַנט! עס וועט זײַן געגנוג פֿון זייערטוועגן, אַז מיר וועלן אױף זיי אַרויפֿלייגן מס, זיי זאָלן אונדז צאָלן צינז...



דער שמועס פֿון די צוויי ווײַסע־העברהניקעס, די ווייכע וואַרעמע לופֿט, דער בלויער הימל, דאָס גרינע גראָז און דער ריח פֿון דער ערד וואָרפֿן־אָן אױף אונדז עפּעס אַ מין זיסקייט, אַ דרעמל, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אבֿרים. מיר וואָלטן אַזוי געלעגן אַ גאַנצן טאָג, עס זאָל זיך נישט געווען אויפֿכאַפּן איינער מיט אַ געשריי:

— פּלשתים! · פּלשתים!...

ה.

אַז מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אױף די פֿיס, האָבן מיר דערזען פֿאַר זיך אַ טשערעדע פֿון שעפּעלעך, און עטלעכע יונגע פּאַסטוכער מיט גרויסע בולאַוועס זײַנען געשטאַנען, אונדז באַטראַכט און איבערגעשמועסט זיך איינער מיטן אַנדערן אױף זייער לשון:

— שאָ צע טאַקע, הריציו?

— מאַבוט, נעמשיסטאַ?

— ני, צע זשידעניאַטאַ איז קאַסריליאָווצי.

— נעכריסטי סאָבאַטשי!

—טאַי שטשע סלאָמאַקאַמי, דיווים!

— דאַוואַי, כלאָפּצי, טרעשטשאַטי!

— סאָבאַק נאַצקאָוואַטי!

— דערזשי, כלאָפּצי!

— היי, כלאָפּצי, כלאָפּצי!...*

— וואָס שווײַגט איר, קינדער? — רופֿן זיך אָן צו אונדז אונדזערע צוויי קאָמאַנדירן, און מיר שטעלן אָן די פֿיילנבויגנס מיט די ראָדביקסלעך, און נה זינגט:

*) וואָס איז דאָס, הריצע?
*) אַבֿנים, רוהלעך?
*) נייז, ס'איז כתריליעווקער יידעלעך.
*) יידן — כלבים
*)און נאָך מיט שטעקלעך, זעו!
*) נעמט, בעוורע, קלאַפּט זיי!
*) די הינט אנרייצן!
*) האַלט חבֿרה!
*) ע, חבֿרה! חבֿרה!...

דורך כוכב מיעקב —
אַל תירא, עבדי יעקב —
וואַשלאַ זוויעזדאַ אין יעקב;
ניע פּוגאַסיאַ, באַרין יעקב!

און מיר כאַפּן־אונטער אַף אַ קול:

ניעט, ניעט, ניטשאַוואָ,
ניע באַימסיאַ ניקאַוואָ,
טאַלקאַ באַגאַ אַדנאַוואָ!

און די מילחמה פון די „בני־ישראל“ מיט די „פּלשתים“ האָט זיך אָנגעהויבן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קוועטשט מיך נישט, יידישע קינדער, איך זאָל אײַך דערציילן, וואָזוי איז געגאַנגען די מילחמה צווישן די „בני־ישראל“ און צווישן די „פּלשתים“! פרעגט מיך נישט, ווער פון זיי האָט גובר געווען? למאַי זאָלט איר מיר אָנטאָן יסורים?... איך קאָן אײַך נאָר עדות זאָגן, אַז די „קינדער פון ישראל“ האָבן זיך געשטאַרקט, ווי די לייבן, געלאָפן ווי די הירשן, און געשלאָגן זיך מיט מסירות־נפש, ווי די אמתע גבורים, אַזוי אַז אַפילו „טאַפּעלע טוטאַריטו“ איז געשפּרונגען אין פײַער אַרײַן, ווי אַ מזיק, און האָט געקווישטשעט אַף זײַן דין קולכל:

— טינדער! טלאַפּט זיי! האַרדעט זיי! זיי זאָלן אונדז דערגענטען!...

נאָר, אוי ווײ, וואָס האָבן נעבעך געקאָנט טאָן די „בני־ישראל“, אַז עס האָבן זיך אַרײַנגעמישט די כלבים, די הינט פון די „פּלשתים“, און האָבן אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע מהומה, אַ טומל אין אונדזערע צוויי מחנות, און די „בני־ישראל“ האָבן געמוזט אַנטלויפן צוריק מיט בזיונות (פרוער פון אַלע איז געלאָפן יואליק דעם נגידס פּײַל אויסן בויגן!) נישט אַזוי פאַר די „פּלשתים“, ווי פאַר זייערע הינט. וואָס האָבן אונדז נאָכגעיאָגט ביז אין שטאָט אַרײַן... אוי ווײ, פון אונדזערע צוויי מחנות איז געוואָרן איין מחנה! מיר האָבן שוין מער נישט געזונגען קיין „אַל תירא עבדי יעקב, ניע פּוגאַסיאַ באַרין יעקב“... ניין! מיר האָבן שוין געזונגען אַן אַנדער לידל. מיר האָבן געשריגן:

— גוואַלד, רבונו של עולם!... הושענא!... שמע ישראל!!!...



ז.

געקומען אַהיים זײַנען מיר שוין שפּעטלעך, אַרום מנחה־צײַט, און האָבן זיך אַרײַנגעגנבעט, איך און מײַן ברודער מאָטל, אײנציקווײַז, און האָבן זיך באַזעצט אין אַ ווינקעלע שטיל, ווי די טײַבעלעך, מע זאָל חלילה נישט דערזען אַף אונדז קיין סימנים, די צעפּליקטע קאַפּאָטקעלעך. באַדאַרף אָבער דער גוטער יאָר אָנטראָגן אַ גאַסט, אונדזערע אַ מומע רייזל פון יאַמפּעלע, אַ גדולה, זי האָט זיך נישט געזען מיט אונדז שוין אַנדערהאַלבן יאָר!

— יאָסל! מאָטל! — רופט אונדז די מאַמע. — די מומע רייזל איז געקומען!

מיר רירן זיך נישט פון די ערטער.

— ווו זײַט איר ערגעץ? — שרײַט די מאַמע. — וואָס האָט איר זיך באַגראָבן דאָרטן?

מיר שווײַגן שטיל.

גייט צו די מאַמע, דערזעט אונדז און טוט אַ פּלעסק מיט די הענט:

— אַ דונער איז מיר! אַ שלאַק איז מיר! ירחמיאל, ווו ביסטו? קום נאָר אַהער, וועסטו זען אַ שיינס!

גייט צו דער טאַטע, אַ ייד אַ קראַנקער, פון זינט איך געדענק אים הוסט ער, בלײַבט שטיין, באַטראַכט אונדז ביידן פון קאָפּ ביז פיס, און עס הייבט זיך אָן אַ התונה — מיר זאָלן אים זאָגן: ווו זײַנען מיר געווען? וואָס האָבן מיר געטאָן? און מיט וועמען האָבן מיר זיך געשלאָגן? מיר שטייען ביידע, איך און מײַן ברודער מאָטל, און קוקן אַראָפּ אַף דער ערד און טראַכטן זיך: „הלוואַי וואָלט זיך איצטער געעפנט אַ קבר, וואָלטן מיר פּטור געוואָרן פון אַלע צרות!“... און דער טאַטע הערט נישט אויף צו פרעגן:

— נו, זאָגט שוין: ווו זײַט איר געווען? וואָס האָט איר געטאָן? מיט וועמען האָט איר זיך געשלאָגן?

און די מומע שטייט בײַ דער זײַט און טאַטשעט אים:

— אויך מיר אַ טאַטע! ער זאָל דאָס זאָגן אַ קרום וואָרט! באַלײַטן אַ טאַטע לייגט אַנידער און פּיצקעט אָן, אַ קינד זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל! סע זאָל פּילן! סע זאָל געדענקען!...

דער טאַטע אָבער שלאָגט אונדז נישט. ער שלאָגט אונדז קיינמאָל

נישט. ער נעמט אונדז נאָר מיט ווערטער. ער הערט אונדז נישט אויף צו פרעגן: וואָס וועט זײַן פון אונדז דער תּכלית? ער עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ. ער פאַרהוסט זיך און זאָגט, אַז מיר זײַנען אים מקצר ימים... וויינען מיר שטילערהייט, און זאָגן זאָגן מיר נישט אַ וואָרט נישט.

— וואַרט! וואַרט! — זאָגט צו אונדז די מאַמע. — לאָמיר נאָר דערלעבן מאָרגן, אם ירצה השם, איך וועל אײַך שוין צושטעלן אַ בענקעלע באַם רבין!...

* * *

אָפּ מאָרגן נאָך ל״ג־בעומר, אַז מיר זײַנען געקומען אין חדר אַרײַן, האָבן מיר שוין געטראָפן די מאַמע אין חדר מיט נאָך עטלעכע מאַמעס, וואָס זײַנען געקומען אונדז צושטעלן בענקעלעך צום רבין. און דער רבי, רב יודל מלאך־המוות, האָט זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט אונדז מקיים פּסק געווען אַלעמען פון זײַן ברייטער האַנט, אַזוי ווי ער האָט אונדז צוגעזאָגט, חלילה נישט דורכגעלאָזט קיינעם. און אַז ס׳איז געקומען צו ליפאַ שלום־אײַזיקס, האָט ער מיט אים לאַנג־לאַנג געראַנגלט זיך, געבאָרעט. ליפאַ, אַ בר־מצווה־יינגל און אַ חתן מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קופּערטע, האָט נישט געוואָלט בשום אופן זיך לייגן פאַר די ווײַבער — און ליפאַ האָט אויסגעפּירט זײַנס: די ווײַבער זײַנען זיך צעגאַנגען, און דער רבי האָט אים אַרײַנגעציטבלט אַריבער פּופּציק.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך געגעבן דאָס וואָרט, און אײַך, קינדער, זאָג איך אויך אָן דאָס אייגנע, אַז איר זאָלט קיינמאָל, קיינמאָל נישט מילחמה האַלטן מיט די „פּלשתּים״!...

.1901 געשריבן אין יאָר

# גרינס אָפּ שבועות

## א.

ערב שבועות האָב איך אויסגעבעטן בײַ דער מאַמע, עליה השלום, איך זאָל מיר אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אָפּ שבועות.

און די מאַמע האָט מיך געלאָזט איינעם אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אָפּ שבועות. לאָז זי האָבן דערפאַר אַ ליכטיקן גן־עדן.

אָן אמתע נסיעה קאָן מען אָנרופן נאָר די נסיעה, וואָס אַ מענטש מאַכט איינער אַליין, אָן חברים, אָן שום איבערשלאַג. איך בין איינער אַליין, אַ פרײַ פייגעלע, אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גרויסע בלויע יאַרמעלקע, וואָס מע רופט זי „הימל״; מיר איינעם אַליין לײַכט די שיינע ליכטיקע טאָג־מלכּה, וואָס מען רופט זי „זון״; פון מײַנעטוועגן אַליין האָבן זיך עס צונויפגעקליבן דאָ, אין פרײַען פעלד, די אַלע זינגערס, מיט אַלע פײַפערס, מיט אַלע שפּרינגערס, און נאָר צוליב מיר אַליין האָט זיך צענומען די שמעקנדיקע רויז, צעשפּרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאָנישניק״, צעצוויקלט און צעשפּרענקלט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד מיט אַלע אַנטיקלעך פון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט, קיינער שטערט מיר נישט, קיינער זעט מיך נישט, אַ חוץ גאָט, און איך קאָן מיר טאָן וואָס איך וויל: וויל איך — זינג איך מיר אַ שיינעם „כּבקרת״. וויל איך — שרײַ איך משוגענערווײַז און רײַס זיך אָפּן האַלדז. וויל איך — לייג איך צונויף די האַנט, ווי אַ שופר, און בלאָז מיר אַ „תּקיעה גדולה״ און שפּיל מיר אַ „טרובאַטש״. וויל איך — טו איך מיך נאָר אַ וואַלגער, ווי איך שטיי און גיי, אָפּן גרינעם